




# איך בין אַ ייד

דער ווייַן פון דורותדיקן דויער
האָט מיך געשטאַרקט אין וואַנדער־וועג,
די בייזע שווערד פון פּיין און טרויער
קאָן ניט פאַרניכטן מיין פאַרמעג —
מיין פאָלק, מיין גלויבן און מיין בליען,
זי האָט מיין פרייהייט ניט געשמידט.
אונטער דער שווערד האָב איך געשריען:
איך בין אַ ייד!

ניט פרעהס שלעק, ניט טיטוס, המן
האָבן צעברעכן אים געקענט,
מיין שטאָלץ געמיט. עס טראָגט מיין נאָמען
די אייביקייט אויף אירע הענט.
מיין שוואונג איז קלענער ניט געוואָרן
אויף שוואַרצע שייטערס פון מאַדריד,
עס שאַלט מיין רום דורך צייט און יאָרן:
איך בין אַ ייד!

ווען ס'האָט דער מצרי איינגעמויערט
מיין לייב אין ווענט, האָט ווי געטון
און כ'האָב פאַרזייט מיט ווי די רויערד
און אויפגעגאַנגען איז אַ זון.
אונטער דער זון האָט זיך צעצויגן
אַ וועג מיט בודיקעס באַשיט,
זיי פלעגן שטעכן מיר די אויגן —
איך בין אַ ייד!






# Itsik Fefer 1900-1952

Né à Shpola (Ukraine), Itsik (Yitskhok) Fefer est considéré comme le poète yiddish soviétique par excellence. Dans sa jeunesse déjà, il milite en politique, d'abord au Bund et à partir de 1919, au parti communiste. Pendant la guerre civile, il combat dans l'armée Rouge.

Fefer fait ses débuts en poésie dans Vidervuks (Renaissance), groupe de Kiev qui réunit de jeunes poètes « prolétariens » influencés par Dovid Hofshteyn et le style pré-révolutionnaire. Dans son premier livre, *Shpener* (Copeaux, 1922), il oscille encore entre doute (« Je ne connais ni le début ni la fin de notre chaîne… ») et certitude déclamatoire (« Un régiment se déchaîne, un régiment a raison »). Par la suite, c'est ce second état d'esprit qui prendra le dessus dans ses textes.

Son deuxième recueil, *Vegn zikh un azoyne vi ikh* (Moi et mes semblables, Kiev, 1924), illustre son idéal de « paroles simples » : une poésie destinée aux masses, accessible par les moyens stylistiques utilisés et une narration claire. Avec le poète Izi Kharik, Fefer ouvre ainsi la voie de la poésie prolétarienne en yiddish. Son œuvre aborde des sujets d'actualité : la guerre civile, l'industrialisation, la construction du pays, et, plus tard, la deuxième guerre mondiale et le Génocide. Pendant la guerre, Fefer écrit des œuvres aux motifs nationaux juifs évidents, tels les poèmes « Ikh bin a Yid » (Je suis juif) et *Shotns fun varshever geto* (Ombres du ghetto de Varsovie).

Itsik Fefer est également journaliste et rédacteur de différentes publications littéraires yiddish en Ukraine. C'est un membre influent de l'Union des écrivains soviétiques avant d'en être exclu au cours des purges staliniennes des années 1930.

Pendant la deuxième guerre mondiale, devenu secrétaire du Comité antifasciste juif, il en est l'un des délégués lors d'une tournée de levées de fonds en Angleterre et en Amérique du Nord (1943). En même temps, il exerce une activité d'informateur pour le NKVD.

Arrêté en 1948, il est assassiné le 12 août 1952.

*Philip Schwartz*

# איציק פֿעפֿער 1952-1900

איציק (יצחק) פֿעפֿער, אַ געבוירענער אין שפּאָלע (אוקראַיִנע), ווערט באַטראַכט ווי דער סאָוועטיש־ייִדישער פּאָעט פּאַר עקסעלאַנס. שוין אין די יוגנט־יאָרן איז ער געוואָרן אַ פּאָליטישער טוער, צו ערשט אינעם בונד, פֿון 1919 אָן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בעתן בירגערקריג האָט ער געקעמפֿט אין דער רויטער אַרמיי.

ווי אַ דיכטער האָט ער די ערשטע טריט געשטעלט אין דער קיִעווער גרופּע „ווידערוווּקס" — יונגע „פּראָלעטאַרישע" פּאָעטן אונטער דער השפּעה פֿון דוד האָפֿשטיין און דעם פֿאַר־רעוואָלוציאָנערן סטיל. אין פֿעפֿערס ערשטן בוך לידער שפּענער (1922) וואַקלט ער זיך נאָך צווישן ספֿקות („איך ווייס נישט דעם אָנהייב, / נישט דעם סוף פֿון אונדזער קייט...") און דעקלאַמאַטאָרישער זיכערקייט („אַ פּאָלק איז צעהוליעט, / אַ פּאָלק איז גערעכט"), שפּעטער וועגט איבער אין זײַן פּאָעזיע דער צווייטער אַספּעקט.

מיט זײַן צווייטער לידער־זאַמלונג, וועגן זיך און אַזוינע ווי איך (קיִעוו, 1924) האָט פֿעפֿער אַוועקגעשטעלט דעם אידעאַל פֿון „פּראָסטע רייד": מאַסן־דיכטונג מיט פּשוטע שפּראַכלעכע מיטלען און אַ קלאָרן סיפּור־המעשׂה. אין איינעם מיט איזי כאַריק האָט פֿעפֿער אויף אַזאַ אופֿן פֿאָרגעצייכנט דעם וועג פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער דיכטונג אויף ייִדיש. זײַן פּאָעזיע רעדט וועגן אַקטועלע טעמעס: בירגערקריג, אינדוסטריאַליזאַציע און בויונג, שפּעטער מלחמה און חורבן. בעת דער מלחמה האָט פֿעפֿער אָנגעשריבן פּאָעזיע מיט בפֿירוש נאַציאָנאַלע מאָטיוון, ווי דאָס ליד „איך בין אַ ייִד" און די פּאָעמע שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ.

ער איז אויך געווען אַ פּובליציסט, רעדאַקטאָר פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע אויסגאַבעס אין אוקראַיִנע, און האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין (איידער ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן בעת די סטאַליניסטישע „ריינקונגען" פֿון די 1930ער יאָרן).

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און איז געשיקט געוואָרן ווי איינער פֿון זײַנע פֿאָרשטייער קיין ענגלאַנד און צפֿון־אַמעריקע (1943). אין דער זעלבער צײַט איז ער געווען אַן אינפֿאָרמאַנט פֿאַר דער ען־קאַ־ווע־דע.

מע האָט אים אַרעסטירט אין 1948 און דערמאָרדט דעם 12טן אויגוסט 1952.

פֿיליפּ שוואַרץ